

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בשלח
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ה

## פראגע

**וויאזוי קען זיין אז די אידן האבן געזען דעם אויבערשטן ביים ים סוף, שטייט דען נישט "לא יראני אדם וחי" – א מענטש קען נישט זען הקב"ה ווילאנג ער לעבט?**

## ענטפער:

מען קען יא זען דעם אויבערשטן, און יעדער איינער דארף פרובירן מער און מער צו זען דעם אויבערשטן, ווייל די וועלט איז באשאפן געווארן פאר'ן צוועק אז מיר זאלן **אנערקענען** אין השי"ת. און דאס ווערט גערופן – **"זען"**.

ווייל אייגנטליך איז דא א גרויסע קשיא אויף משה רבינו. פארוואס האט ער געבעטן דעם באשעפער "הראיני נא את כבודך" – ווייז מיר דיין כבוד (דברים, לג, יח). האט משה רבינו געמיינט אז מען קען זען דעם אויבערשטן מיט די אויגן? דער רמב"ם פרעגט די קשיא אין מורה נבוכים. וואס האט משה רבינו געוואלט?

לאמיר זאגן, עמיצער וואלט געבעטן, "איך וויל זען עלעקטריציטעט. ווייז מיר." זאג איך אז ס'איז נישט מעגליך, מ'קען נישט זיין קיין עלעקטעריק. יא, מ'קען זען די ליכטיגקייט וואס עלעקטעריק מאכט, מ'קען הערן די קול, עס גיבט ענערגיע פאר טעיפ-ריקארדערס, מ'זעט די תוצאות, אבער מ'קען נישט זען די עלעקטעריציטעט אליינס. ווייל אונזערע אויגן זענען נישט געמאכט צו קענען זען עלעקטעריק.

אויגן קענען נישט זען דעם אויבערשטן! ער איז "א-ל", **קל** מיינט ענערגיע, **כח**. ער איז די ענערגיע וואס איז דער סוד פון אלע ענערגיעס, **בעל הכוחות כולם**, און דערפאר איז עס א פארעם פון עלעקטעריק, וואס שטייט אונטער עלעקטעריק. מען קען עס קיינמאל נישט זען.

אויב אזוי, וואס האט משה רבינו געוואלט זען? ס'איז א קשיא, א גרויסע קשיא. און דער רמב"ם איז מסביר, ער האט געוואוסט אז ער קען נישט זען דעם אויבערשטן. ער האט געבעטן, "געב מיר **מער הכרה** אין דיר. געב מיר אזא קלארע הכרה אז איך זאל שוין נישט דארפן מער קוקן, איך וויל זען די מערסטע וואס איז שייך צו זען אויף דער וועלט. אודאי, אין די קומענדיגע וועלט וועל איך האבן אנדערע סארט אויגן. מיינע אויגן דעמאלטס וועלן קענען זען עפעס וואס מ'קען נישט זען יעצט. אבער יעצט אויף דער וועלט, לאז מיך זען די מערסטע וואס איז שייך."

אבער השי"ת האט געזאגט "ניין, איך וויל עס דיר נישט געבן. איך וויל דו זאלסט ארבעטן אליינס דיין גאנצע לעבן, פרוביר מער און מער." יעדער מענטש דארף אריינלייגן אן עבודה זיין גאנצע לעבן. אפילו דער גרעסטער מענטש, משה רבינו, ענדיגט קיינמאל נישט. מען דארף פרובירן צו זען מער און מער און מער, צו קונה זיין מער **דעה** און קלארקייט אין השי"ת, אלע אונזערע טעג.

## פראגע

**וואס איז אזוי ספעציעל מיט די אל"ף בי"ת אז "אשרי" איז געשריבן געווארן לויט'ן סדר פון די א"ב?**

## ענטפער:

איר ווייסט, ווען איר גייט אויפ'ן גאס, אדער ווען איר זיצט אויפ'ן באס, אדער צומאל זיצט איר אינדערהיים און איר האט געסט, זיי זענען קרובים און איר קענט זיי נישט ארויסשטויסן, אבער זיי בטל'ען אייער צייט. וואס קענט איר טון?

איר קענט זיצן און טראכטן אין די **דבר ה'**. דאס דארף מען טון.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

יעצט איר ווילט טראכטן עפעס אבער ס'איז שווער צו געדענקען. איר קענט נישט ארויסשלעפן א סידור און אריינקוקן דערין און פארשעמען די געסט. אבער זיי רעדן א מייל א מינוט וועגן קאזין זשעני און וואס זי האט געזאגט וועגן טאנטע מימי... און די טייערע שעה'ן לויפן דורך. מען לעבט בלויז איינמאל, מיר האבן בלויז דעם איינעם לעבן – וואס גייט איר טון?!

אלזא, עפעס געדענקט איר, און ס'קומט יעצט גוט צוניץ. איר קענט אשרי אויסנווייניג און איר קענט אויסוועלן א געוויסע פסוק אריינצוטראכטן דערין. וויבאלד איר קענט די אל"ף בי"ת – איך שטעל מיך פאר אז איר קענט עס – קענט איר שנעל דורכלויפן אשרי ביז איר קומט אן צום פסוק וואו איר האט זיך אפגעשטעלט לעצטע מאל ווען קאזין זשעני איז דא געווען; איר האט דעמאלטס געטראכט וועגן איין פסוק, און יעצט קענט איר גיין צום קומענדיגן אות, צום קומענדיגן פסוק.

די אל"ף בי"ת איז א נוצבארע סיסטעם, עס העלפט געדענקען. אמאליגע צייטן ווען מענטשן האבן נישט געהאט קיין סידורים, האבן זיי געדארפט געדענקען אין זכרון. און זיי האבן געקענט געדענקען אשרי צוליב די סדר פון די א"ב.

לערנען "אשרי" איז זייער א גרויסע זאך. ס'איז א גרויסע אונטערנעמונג, אבער איר זאלט עס טון. **לערן אשרי**, א האלבע פסוק א טאג, ביז איר גייט דורך דעם גאנצן קאפיטל. איר וועט אנהייבן זאגן אשרי מיט גאנץ אן אנדערע סארט כונה. אבער ס'איז די אל"ף בי"ת וואס העלפט עס אויסצופירן. און דאס איז א געוואלדיגע עררייכונג.

אבער ס'איז דא עפעס מער סודות'פול ווי דעם. ס'איז דא א **סגולה** אין די אל"ף בי"ת. די אותיות פון די א"ב זענען די אותיות התורה. די גמרא זאגט עס. די אותיות האבן א געוואלדיגע קדושה, און ווען מיר אקטיוויזירן די אל"ף בי"ת אקטיוויזירן מיר די אותיות מיט וואס די תורה איז געשריבן.

יעצט, איך קען אייך עס נישט ערקלערן. דאס גייט שוין אריין אינעם תחום פון קבלה, אבער ס'איז אן אמת וואס מיר טרעפן איבערגע'חזר'ט זייער אסאך מאל. און דערפאר, ווען מען זאגט א תפלה לויט'ן סדר פון די אותיות פון די א"ב, האט עס א ספעציעלע סגולה. איר זענט **מפעיל**, איר לייגט אריין אין קראפט געוויסע כוחות פון די עולמות העליונים. מער קען איך אייך נישט זאגן, אבער דאס איז איינס פון די סגולות פון זאגן זאכן מיט די אלף בית. (#215)

## פראגע

**עס איז דא דערמאנט געווארן אז א גט איז אן עבירה. וויאזוי זענט איר מסביר די פסוק אין די תורה וואס זאגט אז א מענטש קען געבן א גט פאר זיין ווייב?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז, ס'איז אן עבירה אבער א מענטש האט די כח עס צו טון.

צומאל גייט מען דורך אן אפעראציע-צימער אין שפיטאל, און אויב זיי לאזן דיר אריינקוקן וועסטו זען א שרעקליכע זאך. א דאקטאר נעמט אראפ א האנט; ער שנייד אראפ איינעמ'ס האנט.

אראפשניידן א האנט פון א מענטש איז א שרעקליכע זאך. לאמיר זאגן דו וואלסט געזען דעם דאקטאר אויפ'ן גאס אראפשניידן די האנט פון א מענטש, וואס וואלסטו געטון? צום ווייניגסט וואלסטו גערופן די פאליציי. מסתמא וואלסטו אפילו צוגעלאפן צו אים מיט א שטעקן. אבער אין אפעראציע-צימער, פארשטייט מען, אז דאס האט געדארפט געטון ווערן.

וועגן דעם, אסאך מאל איז א גט אן אמפוטירונג וואס פעלט זיך אויס. אבער אסאך מאל אפילו ווען עס פעלט זיך שוין אויס איז עס אזא גרויסע זינד – צומאל פון איין זייט און צומאל פוןביידע זייטן – אז מ'קען נישט אנטלויפן פונעם פאקט אז ס'איז א זינד. אויב האלט מען שוין ביי אזא מצב, מען האט זיך שוין געשלאגן אזוי שטארק און ביטער אז מען קען עס שוין נישט היילן חס ושלום און מען דארף געבן א גט, איז עס אן אמפוטירונג. אבער אפשר וואלט מען פון אנהייב געקענט פארמיידן דעם אמפוטירונג? אודאי איז עס אן עבירה. אויב א מענטש שטעכט אריין א ראסטיגן נאגל אין זיין האנט ח"ו און דאן מוז מען אמפוטירן זיין האנט, ס'איז א זינד. ווער האט אים געבעטן צו שעדיגן זיין האנט? (#206)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

**ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב